# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:44
מוצאי שב"ק....................9:16

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........דברי הימים-א' כ"ח-כ"ט
בבלי........................סוטה מ"ה
ירושלמי...............כלאים מ"ב
תוספתא..................מנחות י"ב
רמב"ם............יסודי התורה ט'


פרשת בהר בחקותי, כ"ב אייר, אבות פרק ה', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 33 (603)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ, גֵּר וְתוֹשָׁב וָחַי עִמָּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קִידּוּשִׁין, הֲלָכָה ג' אוֹת ד'): אַז מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֲשִׁירִים וָואס ווִילְן נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה, וֶוען מֶען קוּמְט זֵיי בֶּעטְן צְדָקָה זָאגְן זֵיי, "עֶס אִיז הַיינְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ מוּטְשֶׁע מִיךְ זֵייעֶר פַאר מִיר אוֹיךְ, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה". אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עוֹשֶׁר לֶעבְּט זִיךְ גַאנְץ בְּרֵייט, נָאר לוֹיט דִי גְרוֹיסֶע סְטַאנְדַארְטְן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן, לוֹיט דֶעם מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ. קוּמְט אוֹיס אַז פַאר זִיךְ פַארְגִינְט עֶר זִיךְ אַ בְּרֵייטֶע לֶעבְּן, אוּן פַאר דֶעם אָרִימַאן פַארְגִינְט עֶר נִישְׁט נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער.

אֲפִילוּ וֶוען דֶער עוֹשֶׁר זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעט ווִי דֶער אָרִימַאן עֶרְלוֹיבְּט זִיךְ צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס מֶער ווִי בְּלוֹיז צוּם לֶעבְּן, עֶסְט עֶס אִים אוֹיף דָאס הַארְץ, "פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ אִים גֶעדַארְפְט גֶעבְּן צְדָקָה?! אַז עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן דָאס אוּן דָאס?", כְּאִילוּ פַאר דֶעם עוֹשֶׁר קוּמְט זִיךְ אַלֶעס גוּטְס אוּן פַאר דֶער אָרִימַאן קוּמְט זִיךְ נָאר מַמָּשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וְחַי אָחִיךָ עִמָּךְ, דַיין בְּרוּדֶער זָאל לֶעבְּן "מִיט דִיר", אַזוֹי ווִי פַאר דִיר פַארְגִינְסְטוּ דִיךְ אַבִּיסְל בְּרֵייטֶער, פַארְגִין עֶס אוֹיךְ פַאר דַיין בְּרוּדֶער דֶער אָרִימַאן, אוּן זֶע אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן הָאבְּן וָואס עֶר דַארְף מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צָאלְן, אַז עֶס וֶועט אַרַיינְקוּמֶען דִי בְּרָכָה בַּיי דִיר, אוּן עֶס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צְדָקָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט.): "שְׁקוּלָה צְדָקָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוֹת", דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס ווִי אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה; אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין צְדָקָה אִיז עֶס זֵייעֶר הַארְבּ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם, י.): "כָּל הַמַּעְלִים עֵינָיו מִן הַצְּדָקָה כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין צְדָקָה אִיז עֶס אַזוֹי ווִי מֶען דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה.

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קד.): וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אֵיינֶעם, שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה - אַן אָרֶעמַאן; וֶוען אַ אָרֶעמַאן קוּמְט צוּ דִיר בֶּעטְן צְדָקָה, זָאלְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווַייזְט דִיר אַז עֶר הָאט דִיר לִיבּ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעעֶפֶּענְט אַ נֵייעֶ גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן מוֹהֲרָא"שׁ זָאל קְלַאפְּן מְזוּזוֹת בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט; הָאט עֶר מִיר פַארְצֵיילְט, אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן אַן אָרֶעמַאן אָן אִים צוּ גֶעבְּן אַ נְדָבָה; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר הוּנְדֶערְט אָרֶעמֶעלַייט - פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם - אֵיין דָאלֶער, ווִי צוּ גֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם אַ הוּנְדֶערְטֶער, אוּן אַוֶועק שִׁיקְן נַיין אִין נַיינְצִיג מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אָרֶעמֶעלַייט, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַן אָרִימַאן, אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיסְט אָנְגֶעצוֹיגְן וְכוּ', וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: "זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן פַאר דִי גֶעלְט גֵייעֶרְס קְלֶענֶערֶע סְכוּמִים, אָבֶּער זָאלְסְט גֶעבְּן פַאר יֶעדְן, ווִי צוּ גֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע גָארְנִישְׁט".

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַר ד', עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### גוּט שַׁבָּת

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן דָאס הוֹיז אוּן מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן פֵיינֶע עֶסְן לִכְבוֹד שַׁבָּת, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד אַז מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (גִיטִין נ"ב.) אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט דָארְט אָנְצוּזֵייעֶן אַ מַחְלוֹקֶת, יֶעדְן פְרַייטָאג פְלֶעגְט מֶען זִיךְ קְרִיגְן דָארְט אִין הוֹיז. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי מֵאִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר דְרֵיי פְרַייטָאגְס, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען רֶבִּי מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים הָאט נִישְׁט גֶעפַּאסְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אַזוֹי אִיז דוּרְךְ דִי דְרֵיי פְרַייטָאגְס בְּשָׁלוֹם


<<<<<<


## א גוט ווארט

אוֹיבּ אִיךְ מֶעג זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִין דַיין בִּיזְנֶעס - ווִיל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגְן: "וֶוען אַרְבֶּעסְטוּ?" "ווִיפִיל אַרְבֶּעסְטוּ?" "וָואס זֶענֶען דַיינֶע שָׁעוֹת?" "וָואס אִיז דַיין סֵדֶר הַיוֹם?" מִיר קוּקְט אוֹיס ווִי דוּ בִּיסְט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (מַעֲשֶׂה יא) וָואס דוּ לוֹיפְסְט נָאךְ דִי בְּהֵמוֹת, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

זָאג מִיר, דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד? דַיין ווַייבּ צֶערַייסְט זִיךְ, קוֹים וָואס זִי אָטֶעמְט, וָואס אִיז מִיט דִיר? ווִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר נָאכְצוּלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת (דִי עֲבֵירוֹת)?!

דִי שְׁפִּיל גֵייט זִיךְ נִישְׁט עֶנְדִיגְן; דוּ טְרַאכְסְט 'נָאךְ אֵיין טָאג', 'נָאךְ אֵיין וָואךְ'; הֶער זִיךְ צוּ, דִי שְׁפִּיל גֵייט מֶען שְׁפִּילְן מִיט דִיר דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט נָאכְלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן. גֵיי אַהֵיים צַייטְלִיךְ, פַארְמַאךְ דִי גֶעשֶׁעפְט. גֵיי צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, לֵיין מִיט זֵיי קְרִיאַת שְׁמַע, מַאךְ מִיט זֵיי בְּרָכוֹת, הֶער אוֹיס וָואס זֵיי דֶערְצֵיילְן דִיר אוּן גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער.

בַּיים סוֹף אִיז דֶער בֶּן מֶלֶךְ גֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, ווַייל עֶר הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן ווָאלְד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וְוִי אַזוֹי צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג, מֶען טָאר נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד מִיט נִישְׁט גֶעבְּן עֶסְן; דָאס וָואס אִיר זָאגְט, אִיר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִיךְ טוּ דָאס מִיט מַיין קִינְד, אִיךְ בַּאשְׁטְרָאף מִיט נִישְׁט גֶעבְּן עֶסְן - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט; מֶען טָאר נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד מִיט נִישְׁט גֶעבְּן עֶסְן, מֶען קֶען בַּאשְׁטְרָאפְן מִיט נִישְׁט גֶעבְּן אַ נַאשׁ, אַן אִיבְּרִיגֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן - אָבֶער נִישְׁט מִיט עֶסְן; בִּפְרַט וֶוען דָאס קִינְד הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן אַ גַאנְצְן טָאג.

מֶען קֶען נִישְׁט דְרוּקְן אוֹיפְן קִינְד. עֶס אִיז דָא פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַ גַאנְצֶע קַאפִּיטְל אִין סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (סִימָנִים תל-תלה) פוּן זִיךְ נִישְׁט עֲקֶשְׁנְ'עֶן אוּן נִישְׁט דְרוּקְן אוֹיף קִינְדֶער; וָואס וֵוייסְט אִיר פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִין חֵדֶר, אֶפְשָׁר מַאכְט דֶער רֶבִּי אַ גֶעשְׁפֶּעט וֶוען אַ קִינְד קוּמְט שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר, אוּן אַז אִיר הָאט אִים בַּאצְוִוינְגֶען צוּ גֵיין אִין חֵדֶר - אִיז עֶר נִיטְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵיידְט אִין גַאס, דָאס אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

עֶס אִיז הַיינְט דָא מְלַמְדִים וָואס זֶענֶען רוֹצְחִים. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען, אַמָאל הָאט מֶען גֶע'רַצְח'ט דִי קִינְדֶער, הַיינְט אִיז גוּטֶע צַייטְן; עֶס אִיז נִישְׁט וָואר, עֶס אִיז הַיינְט דָא מְלַמְדִים וָואס צֶעקְלַאפְּן קִינְדֶער אוֹיף אַ וֶועג אַז דָאס קִינְד זָאל בְּלַייבְּן צֶעקְלַאפְּט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַ מְלַמֵד דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן יֶעצְט אַ מַעֲשֶׂה אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס הָאט אַ גָאר גוּטֶע נָאמֶען, דִי בֶּעסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת שִׁיקְן דָארְט. אַ קִינְד פוּן כִּיתָּה א' הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן זַיין מְלַמֵד עֶר וִויל אַהֵיים גֵיין, דֶער מְלַמֵד זָאגְט אִים: "אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט אַהֵיים גֵיין - גֵיי צוּם מְנַהֵל". עֶר גֵייט צוּם מְנַהֵל אוּן זָאגְט: "אִיךְ ווִיל אַהֵיים גֵיין". דֶער מְנַהֵל קוּמְט אַרַיין אִין כִּיתָּה, עֶר מַאכְט שְׁטִיל דִי כִּיתָּה אוּן פְרֶעגְט: "וֶוער הָאט אַ דַאלִי אִין שְׁטוּבּ?" אַלֶע קִינְדֶער שְׁרַייעֶן אוֹיס: "אִיךְ!" פְרֶעגְט דֶער מְנַהֵל דִי קִינְדֶער: "אַ דַאלִי גֵייט אִין חֵדֶר?" שְׁרַייעֶן אַלֶע: "נֵיין!" פְרֶעגְט דֶער מְנַהֵל: "וֶוער גֵייט אִין חֵדֶר? נָאר וואוֹילֶע קִינְדֶער!" אוּן דֶער מְנַהֵל דְרֵיידְט זִיךְ אוֹיס צוּם אוּמְשׁוּלְדִיגְן קִינְד, אוּן הוֹיבְּט אָן לַאכְן פוּן אִים: "דוּ ווִילְסְט אַהֵיים גֵיין וַוייל דוּ בִּיסְט אַ נִישְׁט וואוֹילֶער קִינְד, וַוייל נָאר וואוֹילֶע קִינְדֶער ווִילְן זַיין אִין חֵדֶר".

וָואס מֵיינְט אִיר? דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג - דֶערְצֵיילְט דֶער מְלַמֵד, נִישְׁט דֶער כִּיתָּה א' מְלַמֵד, אַ מְלַמֵד פוּן אַן אַנְדֶערֶע כִּיתָּה, עֶר הֶערְט וִוי דִי קִינְדֶער מַאכְן חוּזֶק פוּן דֶעם קִינְד, זֵיי שְׁפֶּעטְן, אַלֶע בַּאזִינְגֶען אִים: "דוּ בִּיסְט אַ דַאלִי, דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַ וואוֹילֶער קִינְד"; פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, מֶעג אַזַא אֵיינֶער זַיין אַ מְנַהֵל אִין אַ חֵדֶר? נֶעמֶען אַ קְלֵיין קִינְד, אַן אוּמְשׁוּלְדִיג קִינְד אוּן אִים צֶעקְלַאפְּן אוּן אִים צוּנַאר מַאכְן?!

אַגַב, אִין שְׁטֶעטְל, אוּנְזֶער קִינְדֶערְגַארְטְן מְלַמֵד דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר הָאט אַ קִינְד אִין כִּיתָּה וָואס פוּן אָנְהוֹיבּ יָאר יֶעדְן טָאג, פוּן מִיטָאג צַייט - הוֹיבְּט עֶר אָן קְוֶועטְשְׁן: "רֶבִּי, אִיךְ וִויל אַהֵיים גֵיין"; זָאגְט מִיר דֶער מְלַמֵד: "אִיךְ זָאג אִים, 'מֶען גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַהֵיים', אוּן דֶער קִינְד בַּארוּאִיגְט זִיךְ", אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער הוֹיבְּט עֶר נָאכְאַמָאל אָן קְוֶועטְשְׁן: "אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַהֵיים גֵיין", אוּן דֶער מְלַמֵד וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז, עֶר צִיט אִים נִישְׁט בַּיים אוֹיעֶר, עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים, עֶר זָאגְט אִים נָאכְאַמָאל מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט מֶען אַהֵיים".

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר זֵיי, אוּן גֵייט אוּם מִיט זֵיי מִיט לִיבְשַׁאפְט אוּן גֶעדוּלְד - וֶועט אִיר הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי אַלֶע.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ג)



אָן קַיין קְרִיגֶערַיי, אוּן דַאן הָאט מֶען גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן דֶעם הוֹיז".

דֶער שָׂטָן הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דַוְקָא נָאר יֶענֶעם הוֹיז צוּ מַאכְן דָארְט מַחְלוֹקֶת יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, נָאר עֶר מַאכְט זִיכֶער אַרוּמְצוּגֵיין אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער יֶעדְן פְרַייטָאג אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָארְט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, מֶען זָאל שְׁרַייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל זַיין בַּאבְלָאזְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שַׁבָּת מִיט כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת זָאל שׁוֹין זַיין צֶעשְׁטֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

פַארְוָואס טוּט עֶר דָאס? פַארְוָואס גֵייט אַזוֹי אִין לֶעבְּן פַארְ'ן שָׂטָן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער סְ'אִיז פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועט אִים שׁוֹין גֵיין גוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ נָאכְדֶעם, עֶר וֶועט הָאבְּן אַן הַצְלָחָה'דִיגֶע וָואךְ סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן דָאס גוּט מַזָל וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וואוּ עֶר וֶועט נָאר גֵיין אוּן וָואס עֶר וֶועט נָאר טוּן.

דֶער שָׂטָן פַארְגִינְט דָאס נִישְׁט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר זִיכֶער מַאכְן אַז דֶער פְרַייטָאג זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט שׁוֹין דֶער שַׁבָּת אוֹיךְ מִיטְגֵיין מִיט דִי קְרִיגֶערַייעֶן אוּן כַּעַס, אוּן דַאן הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶע'שָׁחְטְ'ן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין תִּקּוּנֵי זֹהַר, דַף קכ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל"ה, ג') "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת", דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קַיין פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר צוּ צוּ דֶעם נָאךְ אֵיין וָוארְט, "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ, הַכַּעַס", זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדֶען דָאס פֵייעֶר פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת נָאךְ מֶער וִוי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר, כַּעַס אוּם שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין גוּטֶע מַזָל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים פִילֶע לַיידְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אַ אִיד אַרְבֶּעט שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּם פְרַייטָאג אוּן אִין שַׁבָּת, דַארְף עֶר אַבִּיסְל מְנוּחָה, אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט, אוּן עֶר קֶען זִיךְ גְרִינְג אוֹיפְרֶעגְן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. וָואס טוּט אָבֶער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר הַצְלָחָה, פַאר גֶעזוּנְט. וֶוען אַ אִיד זָאל גוּט וִויסְן אַז זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיין שַׁבָּת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט זַיין גַאנְצֶע וָואךְ אִים גֵיין גוּט, וֶועט אִים דַאן זַיין גְרִינְגֶער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן כַּעַס, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן. אַדְרַבָּה עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אוּן וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס קַיין אֵיין טָאג נִישְׁט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּנֶעם שַׁבָּת אִיז וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת קֶען אַ אִיד אוֹיסְנוּצְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ בַּא'טַעֲמְ'קֵייט אִין זַיין שְׁטוּבּ, עֶר קֶען אוֹיפְלֶעבְּן זַיין הוֹיז אוּן עֶס מַאכְן פַאר אַ גַן עֵדֶן, אוֹיבּ פִירְט עֶר שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע

<<<<<<

וָואךְ.

אָבֶּער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען הָאט מִיט דִי קִינְדֶער זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת מִיט דֶעם וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בְּלוֹיז דִבְרֵי תּוֹרָה צוּ זָאגְן בַּיים טִישׁ, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין תּוֹרוֹת, זֵיי לֶערְנֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶענוּג אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ ווִילְן דִי קִינְדֶער הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, זִינְגֶען שֵׁיין צוּזַאמֶען, זֵיי ווִילְן אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי סְ'אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר וָואךְ, אוּן מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד קֶען אַ טַאטֶע מְחַיֶה זַיין אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חִיוּת אוּן לֶעבְּהַאפְט אִין דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, בְּלוֹיז מִיט דִי שַׁבָּת טִישְׁן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעווִיסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען אַזוֹי גֶערָאטְן, יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי ווִי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. דֶערִיבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַאר דִי ווָאוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס גוּט שַׁבָּת)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קסה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פָּארְט אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה קַיין טְשֶׁערִין, אָבֶּער צוּלִיב דִי שְׁוֶוערֶע וֶועטֶער קוּמֶען זֵיי אָן אוֹיף שַׁבָּת אִינֶעם דֶערְפְל הָאלָאוְוקִיוּקָא, מַמָשׁ נָאנְט צוּם זְמַן הַדְלָקַת הַנֵירוֹת**

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שְׁפֶּעטֶער אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַ גְרוֹיסֶע אֲרִיכוּת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען דִי פֶערְד זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם דָארְף, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֵיי זָאלְן שׁוֹין לוֹיפְן שְׁנֶעלֶער אָנְצוּקוּמֶען פַאר שַׁבָּת, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאלְטְן בַּיים גֵיין, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי מֶען אַנְטְלוֹיפְט אִין אַ חָלוֹם, עֶס דַאכְט זִיךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ אִין חָלוֹם אַז עֶר דַארְף אַנְטְלוֹיפְן, אָבֶּער עֶר קֶענֶען נִישְׁט לוֹיפְן בְּשׁוּם אוֹפָן, אַזוֹי הָאט עֶר דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט דֶעמָאלְט גְרוֹיס צַעַר, עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען חַס וְשָׁלוֹם צוּ חִילוּל שַׁבָּת. וֶוען עֶר גֶעזֶעסְן דֶעמָאלְט אוֹיפְ'ן וָואגְן הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי ווִי מֶען פִירְט אַ מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין גֵיהִנוֹם, וָואס דֶער פַּחַד אִיז דָאךְ דֶעמָאלְט גָאר גְרוֹיס, מַמָשׁ אוּמְבַּאגְרֵייפְלִיךְ, אוּן מַמָשׁ אַזַא פַּחַד הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט דֶעמָאלְט, עֶר זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ חִילוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

פוּן דִי וֶוערְטֶער ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דֶער פַּחַד וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט וֶוען מֶען פִירְט אִים אִין גֵיהִנוֹם, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְ'מָשָׁלְ'ן אוֹיף פַּאפִּיר, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע פַּחַד וָואס פַאלְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען פִירְט אִים אִין גֵיהִנוֹם אַרַיין, אוּן דִי זֶעלְבֶּע סָארְט פַּחַד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעמָאלְט, דֶער פַּחַד פוּן חַס וְשָׁלוֹם מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין.

בֶּאֱמֶת אִיז דָא אַסַאךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן וֶועגְן דֶעם, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוֹיפְגֶעהַאלְטְן גֶעוָוארְן דָארְט אוֹיפְ'ן וֶועג, סְפֶּעצִיעֶל אַז דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי זִיצְט מֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ וֶוען מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער וָואס רֶעדְן זֵייעֶר נִישְׁט אֵיידְל, זֵיי רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה רַחֲמָנָא לִיצְלָן; אַ גַאנְצֶע וָואךְ רֶעד אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט מִיט זֵיי, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, זֵיי זִיצְן אוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אוּן פוּן מָאוִויס, מַיין טַאטֶע זִינְגְט שְׁטִילֶערְהֵייט דִי זְמִירוֹת פַאר זִיךְ אַלֵיין, אוּן צוּמָאל פְּרוּבִּירְט עֶר צוּ זָאגְן עֶפֶּעס אַ דְבַר תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה, אוּן אִיךְ בִּין יֶעדֶע וָואךְ פוּן פְרִישׁ אִין אַ פַארְלֶעגְנְהֵייט אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען אִין אַזַא מַצָב?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָיר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף כִּיבּוּד אָב, דוּ זִייְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין הַכְנָעָה בַּיים טִישׁ, אוּן וֶוען דַיין טַאטֶע רֶעדְט דִבְרֵי תּוֹרָה – זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּהֶערְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן, אוּן וֶוען עֶר זִינְגְט זְמִירוֹת – זָאלְסְטוּ מִיט זִינְגֶען שֵׁיין מִיט אִים, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל זִינְגֶען זְמִירוֹת שַׁבָּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קד): "זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז אַן עִיקָר אִין אִידִישְׁקֵייט".

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער; עֶס אִיז דָא צְווֵיי וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ מוּסָר'ן, אֵיין וֶועג אִיז – זָאגְן יֶענֶעם מוּסָר אִין פָּנִים. דָאס קֶענֶען מִיר נִישְׁט טוּן; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח): "כְּשֶׁהַמּוֹכִיחַ אֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ", וֶוען מֶען זָאגְט מוּסָר אִיז דָאס זֵייעֶר אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְט, וַוייל אוֹיבּ מֶען ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, "אֲזַי לֹא דַי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל בְּתוֹכַחְתּוֹ, אַף גַּם הוּא מַבְאִישׁ רֵיחַ שֶׁל הַנְּשָׁמוֹת הַשּׁוֹמְעִים תּוֹכַחְתּוֹ", נִישְׁט נָאר מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף מִיט דִי מוּסָר, נָאר מֶען מַאכְט גָאר עֶרְגֶער, מֶען מַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "כְּמוֹ כְּשֶׁמֻּנָּח אֵיזֶה דָּבָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ רֵיחַ שֶׁאֵינוֹ טוֹב, כָּל זְמַן שֶׁאֵין מְזִיזִין אוֹתוֹ הַדָּבָר, אֵין מַרְגִּישִׁין הָרֵיחַ רַע", אַזוֹי ווִי עֶס לִיגְט אַ זַאךְ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע גֶערוּךְ, ווִילַאנְג מֶען לָאזְט דָאס שְׁטֵיין, מֶען רוּקְט דָאס נִישְׁט – שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "אֲבָל כְּשֶׁמַּתְחִילִין לְהָזִיז אוֹתוֹ הַדָּבָר אֲזַי מְעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע", אָבֶּער וֶוען מֶען הוֹיבְּט דָאס אָן רִירְן – הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, "כְּמוֹ כֵן עַל יְדֵי תּוֹכָחָה שֶׁל מִי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְהוֹכִיחַ, עַל יְדֵי זֶה מְזִיזִין וּמְעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע שֶׁל הַמַּעֲשִׂים רָעִים וּמִדּוֹת רָעוֹת שֶׁל הָאֲנָשִׁים שֶׁמּוֹכִיחָם, וְעַל כֵּן הוּא מַבְאִישׁ רֵיחָם", אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס ווֵייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר, וֶוען עֶר הוֹיבְּט אָן מוּסָר'ן – מַאכְט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וֶועם עֶר מוּסָר'ט, "וְעַל יְדֵי זֶה הוּא מַחֲלִישׁ אֶת הַנְּשָׁמוֹת שֶׁלָּהֶם וְעַל יְדֵי זֶה נִפְסָק הַשֶּׁפַע מִכָּל הָעוֹלָמוֹת הַתְּלוּיִים בְּאֵלּוּ הַנְּשָׁמוֹת", עֶר מַאכְט חָרוּב דִי מֶענְטְשְׁן, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּן זֵיי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן נָאךְ אַ וֶועג פוּן מוּסָר'ן, אַז מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין אוּן מֶען רֶעדְט שֵׁיין – בַּאקוּמְט יֶענֶער אוֹיךְ מוּסָר; יֶענֶער ווִיל דָאךְ אוֹיךְ זַיין גוּט. דָאס זָאל זַיין דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּבּ; דוּ רֶעד אֵיידְל אוּן קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם – וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט זֵיי אַלֶע מְקָרֵב זַיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

גֶעפָארְן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי צַייטְן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אַסַאךְ שְׁטֶעט זֶענֶען זִיךְ דֶעמָאלְט צוּזַאמְגֶעקוּמֶען קַיין טְשֶׁעהְרִין צוּ זַיין מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת שִׁירָה, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעדַארְפְט זָאגְן זַיין הֵיילִיגֶע אוּן פָארְכְטִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אוֹיפְטוּן אוּן מְתַקֵּן זַיין מִיט דֶעם וָואס עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְטוּן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן בִּפְרַט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיז דִי צַייט פוּן אַ "קִיבּוּץ", וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען בַּיים רֶבִּי'ן, וֶוען עֶר דַארְף זָאגְן תּוֹרָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הָאט עֶר דֶעמָאלְט אַ שְׁטַארְקֶע פַּחַד, דִי זֶעלְבֶּע פַּחַד וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פַארְנַאכְטְס וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אִין שׁוּל פַאר "כָּל נִדְרֵי". אוּן נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיף דֶעם קִיבּוּץ פוּן שַׁבָּת שִׁירָה, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט פַאר אַסַאךְ יָארְן, הָאט עֶר אוּמְגֶערָאכְטְן גֶעדַארְפְט בְּלַייבְּן אִין אַ דָארְף אוֹיף שַׁבָּת מִיט עֶטְלִיכֶע פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דָארְט וָואס צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ מְזוֹנוֹת חַלָּה, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט אוֹיךְ קִידּוּשׁ מַאכְן אוֹיף דִי חַלָּה וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דָארְט קַיין כּוֹס וַויין, אוּן אֲפִילוּ אַ מֶעסֶער אָדֶער אַנְדֶערֶע עֶסְצֵייג הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאט.

דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע רֵייזֶע בַּאֲרִיכוּת מִיט אַלֶע דֶעטַאלְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס עֶר אִיז דֶעמָאלְט אַרִיבֶּער, אוּן מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אִין דֶעם אַ טִיפֶע כַּוָּונָה, אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֶשְׁבּוֹן.

**תקפד**

מָאנְטָאג, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָארְט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, אוּן פִילֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת נ"ח:) "דַּיּוֹ לְעֶבֶד לִהְיוֹת כְּרַבּוֹ" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ב).

**תקפה**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן קַיין טְשֶׁעהְרִין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט זַיינֶע כַּוָּונוֹת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# ראש ישיבה שליט"א אין אתרא קדישא מירון

שרייבנדיג די שורות געפונט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אין אתרא קדישא מירון, אין דעם גרויסן געהויבענעם טאג ל"ג בעומר, זיך פרייענדיג בהילולא דבר יוחאי, ביי זיין טאטע הגה"צ קארלסבורג רב שליט"א.

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכט, אור ליום י"ד אייר, איז פארגעקומען די שמחת בר מצוה פונעם זון פונעם ראש ישיבה שליט"א הבחור נחמן נתן נ"י אין היילגן שטעטל מירון אין הויף פון בית המדרש פונעם זיידן קארלסבורגער רב שליט"א וועלכע געפונט זיך שוין אינעם שטעטל מירון סמוך ונראה צום ציון פונעם היילגן תנא רבי שמעון בר יוחאי, פילע קרובי המשפחה און א שיינער ציבור פון אנשי שלומינו פון איבער גאנץ ארץ ישראל זענען זיך צוזאמגעקומען מיטצוהאלטן די שיינע שמחה.

ביי די שמחה האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט עטליכע ווערטער, דאנקענדיג דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים אז ער איז זוכה אריינצוברענגען זיין זון לעול התורה והמצוות, דערנאך האט דער חשובער בר מצוה בחור געזאגט זיין פשעטל, און דאן האט מען געהערט דרשות פון דעם חשובן זיידן הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א מוויטצען, וואס איז ספעציעל געקומען צו פארן פון ניו יארק מיטצוהאלטן די שמחה, און דערנאך א שיינע דרשה פונעם חשובן זיידן הגה"צ קארלסבורג רב שליט"א.

פרייטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן צו קברי צדיקים אין צפת און טברי'. שבת קודש איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען ביי זיין טאטע שליט"א אין אתרא קדישא מירון.

דער ראש ישיבה שליט"א איז געבליבן אין ארץ ישראל ביז נאך ל"ג בעומר ווי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגענוצט די געלעגנהייט צו באזוכן און מחזק זיין די פילע תלמידים אין ארץ ישראל וואס זענען פארשפרייט אין עטליכע שטעט און געגענטער אין ארץ הקודש, מער פרטים קומענדיגע וואך מיט'ן אייבערשטן הילף.

**ואמרתם כה לחי, רבי שמעון בר יוחאי!**

***

# "הפצה פארברענג" אין קרית יואל צייכנט אפ ערשטע יאר מיט הצלחה

אין די טעג ווערט אפגעצייכנט א גאנצע קיילעכיגע יאר פון די שיינע הפצה פארברענגען פון אנשי שלומינו אין קרית יואל, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט א יאר צוריק צווישן פסח און שבועות, ווען יעדע וואך קומען זיך צוזאם א שיינע ציבור אין ביהמ"ד היכל הקודש אויף העיס קט. ווי דער גבאי הר"ר יואל פארקאש שליט"א לערנט צום ערשט פאר א שיעור אינעם הערליכן ספר "פעולת הצדיק", און דערנאך ליינט מען פאר א בריוו פון מוהרא"ש ז"ע אין אשר בנחל, און א בריוו פון ראש ישיבה שליט"א אין "עצתו אמונה" וואס איז מחזק און מחיה געווען די באטייליגטע.

דערנאך איז דא שיינע שיחות חברים, מען שמועסט און דערציילט פארשידענע שיינע עובדות פון אנשי שלומינו, ווי אזוי מען דערהאלט זיך מיט'ן רבינ'ס עצות, מעשיות פון תפלה וואס מען האט געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט געהאלפן, ווי אויך ווערט געלייגט א שטארקע דגוש אויף הפצה, מען דערציילט שיינע מעשיות פון הפצה, מען איז זיך מחזק מען זאל נישט טראכטן נאר פון זיך, צו האלטן דעם סוד פון די גוטע לעבן וואס דער רבי געבט אונז נאר פאר זיך, נאר מען זאל יעדער אויף זיין אופן זוכן ווי אזוי ער קען מפיץ זיין די הייליגע ספרים און דרשות, מען הערט כסדר צוריק ווי די הייליגע מפיצים ראטעווען און העלפן אזויפיל אידישע קינדער ברוחניות ובגשמיות.

די פארברענג גייט שוין אזוי אן ברוך השם א גאנצע יאר מיט גרויס הצלחה, מען קומט זיך צוזאמען אין בית המדרש היכל הקודש אויף העיס קט. קרית יואל יעדע דינסטאג נאכט אום 8:45 וואו מען פארברענגט און מען איז זיך מחזק מיטן רבינ'ס דיבורים, ביז 9:45 ווען מען דאווענט מעריב בציבור.

**אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו!**


## שמועסן אין פוילן

הערליכע שמועסן, שאלות ותשובות אויף פארשידענע ענינים, ביי די נסיעה צו קברי צדיקים אין פוילן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

קול ברסלב

212-444-9191

1, 4, 9, 5

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;

דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שמעון קארדאזא** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **משה איינהארן** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >